**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג באשטעטיגונג פון SAG-AFTRA און WGA קאנטראקטן, פאראדרנט גאווערנער האקול פאר סטעיט אגענטורן צו אונטעריאגן פראצעדור און ערלויבן פילם און טעלעוויזיע אינדוסטריע צו צוריק אנהויבן עקאנאמישע אקטיוויטעט אין ניו יארק**

***עקזעקיוטיוו טשעימבער שיקט א בריוו צו מער פון 30 אגענטורן פאראדרענענדיג זיי צו אונטעריאגן באשטעטיגונג און פערמיט פראצעדור***

***ניו יארק'ס פילם און טעלעוויזיע אינדוסטריע האט געשאפן מער פון 65,000 דזשאבס לעצטע יאר; אויפגעטריבן 35 ביליאן דאלאר זינט 2013***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פאראדרנט סטעיט אגענטורן צו אונטעריאגן דעם פראצעדור פאר פילם און טעלעוויזיע פראדוקציעס, ערלויבנדיג די אינדוסטריעס צו שנעלערהייט צוריק אנהויבן זייער ארבעט יעצט נאכדעם וואס סיי SAG-AFTRA און סיי די WGA האבן געענדיגט די סטרייקס און באשטעטיגט קאנטראקטן. די פילם און טעלעוויזיע פראדוקציע אינדוסטריע איז א הויפט עקאנאמישע טרייב קראפט פאר ניו יארק, צולייגנדיג מער פון 9 ביליאן דאלאר אין [גראָוס דאָמעסטיק פראדוקט](#) יעדעס יאר.

"עס איז קריטיש אז ארבייטער אין אלע אינדוסטריעס זאלן יושר'דיג באצאלט ווערן פאר זייער ארבעט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט אז די סטרייקס זענען פאראיבער, טוה איך פאראדרענען אלע באטרעפנדע סטעיט אגענטורן צו אונטעריאגן באשטעטיגונגען און פערמיטס כדי אקטיארן, שרייבער און די איבערגעבענע מיטעלע-קלאס פראפעסיאנאלן פון די אינדוסטריע זאלן זיך קענען צוריקנעמען צום ארבעט."

א קאפיע פון דעם עקזעקיוטיוו טשעימבער'ס [בריוו](#) צו סטעיט אגענטורן איז פארעפנטליכט דא.

ערווארטנדיג די אינדוסטריע יוניאן סטרייקס זיך צו רוקן צו עמטליכע אפמאכן, רישט זיך ניו יארק סטעיט פאר די צוריקקער פון גרויסארטיגע פראדוקציעס אריבער די סטעיט. ביז דעצעמבער 11 וועלן סטעיט קערפערשאפטן איבערקוקן די פראצעדורן פאר מארקעטינג, פאר דאס צושטעלן פראפערטיס און סערוויס פון די סטעיט רעגירונג פאר באנוץ אין פראדוקציע און אזוי אויך צו טרעפן וועגן צו ארויסהעלפן מיטן צוציהען ביזנעסער. דאס רעכנט אריין פארשנעלערן פערמיטס; זיין אפן מיט די זייטיגע באצאלונגען און דירעקטע קאסטן פאר רעגירונג איינגעשטעלטע און צו נישט ארויפציהען די פרייז העכער פון וויפיל עס קאסט פאר די סטעיט; דעזיגנירן אן איינגעשטעלטער אין די אגענטור צו זיין א קאנטאקט מענטש מיט די אינדוסטריע זיך צו אפגעבן מיט פראדוקציע פארלאנגען; און פארזיכערן אז די אגענטור האלט אויף א מענטש אדער מאנשאפט צו ארבעטן אלס ליעיזאן צו אונטעריאגן פערמיטס, ערלויבענישן און צושטעלן סערוויסעס. פראפערטיס און סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט דורך די סטעיט זאלן צוגעשטעלט ווערן

אויף די ברייטסטע פארנעם וואס איז נאר מעגליך פאר פראדוקציע פירמעס. אומגעלייזטע פראבלעמען זאלן געברענגט ווערן צו MPTV און צו די גאווערנער'ס אפיס.

ניו יארק סטעיט'ס פילם און טעלעוויזיע אינדוסטריע טרייבט אויף מיליאנען דאלארן אין אינוועסטירונג און שטיצט טויזנטע פראדוקציע ארבייטער, קעיטערערס, גאסטגעבונג ארבייטער און קליינע ביזנעסער אין אונזערע קאמיוניטיס יעדעס יאר. יוניאנס ווי SAG-AFTRA און WGA העלפן פארזיכערן א הויכע געהאלט, פולע בענעפיטן און פעסטע שוץ מאסנאמען אין די פילם און טעלעוויזיע פראדוקציע פעלד און אזוי אויך אז די דזשאבס זענען צוגענגליך פאר א ברייטע רייע פון ניו יארקער, מיט 44 פראצענט פון דזשאבס אין די אינדוסטריע ווערנדיג געגעבן פאר ארבייטער אן א 4-יאריגע דעגרי. די אינדוסטריע איז א וויכטיגע עלעמענט פון ניו יארק סטעיט'ס עקאנאמיע, און לויט די לעצטע אומאפהעניגע שאצונג, אין 2021 און אין 2022, האט די פילם אינדוסטריע צוגעלייגט איבער 18 ביליאן דאלאר צו די עכטע GDP און געשאפן מער פון 131,000 דירעקטע דזשאבס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן